# לאַנדווירטשאַפטליכע באַראַטונג ביים צק פון „אָרט" אין פוילן

6טן אָקטאָבער 1923.

אויסהערנדיג די באַריכטן פון די אַגראָנאָמען פ״גין (ווילנער ראיאָן) און ז״מאַן (וואָלינער ראיאָן) און די דערגענצונגען פון די אָרטיגע טוער, האָט די באַראַטונג באַטראַכט דעם פּלאַן פון דער ווייטערדיגער אַרבעט פון „אָרט" אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט און האָט אָנגענומען פאָלגענדיגע רעזאָלוציע:

„די באַראַטונג קאָנסטאַטירט, אַז נאָך אַ דריי יאָריגער אַרבעט
„אויפן געביט פון שטיצע די ייִדישע ערדאַרבעטער מיט הלוואות אויף זרי-
„עות, סויסן און לעבעדיגן אינווענטאַר, איז די גוים פונם ייִדישן ערד-
„אַרבעטער אויף די דערמאָנטע צוועקן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די אויפגאַבע,
„וואָס די הלוואות-אַקציע האָט זיך געשטעלט געבן דעם רואינירטן און פאַר-
„אָרעמטן ייִדישן ערדאַרבעטער די מעגליכקייט צו בלייבן ביי דער לאַנדווירט-
„שאַפטליכער באַשעפטיגונג, איז אין אַ גענוגענדער מאָס דערגרייכט געוואָר[ן]
„און דאָס האָט אַרויפגערוקט אויף דער ערשטער ריי די פאָלגענדיגע אויפ-
„גאַבע אויפצוהויבן די קולטור פון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט און ווי
„ווייט מעגליך צו פאַרגרעסערן איר שטח.

„ביי די געגעבענע באַדינגונגען מוז דער שווערפּונקט פון דער טעטיקייט
„פון דער געזעלשאַפט אָרט אויפן געביט פון שטיצע דער ייִדישער לאַנד-
„ווירטשאַפט איבערגעטראָגן ווערן אויפן געביט פון אַגראָנאָמישער הילף,
„וועלכע דאַרף באַשטיין אין דער איינפירונג אין געהעריגן פאַרנעם פון דע[ר]
„[ק]ינסטלעכער און גריניער באַמיסטיגונג ווי אויך פוטער-גראָז, פון אַ
„גרעסערער באַנוצונג פון די מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינעס, פון
„בעסערע זריעות, און ווי מעגליך, אויך העכערע קולטורן. גלייכצייטיג
„דאַרף געלייגט ווערן אַ באַזונדערע אכט אויף פאַרשפּרייטן בוימער-פלאַנצער[ײַ]
„ביינען-צוכט און אויף אויפהויבן די גאָרטנעריי און מילך-ווירטשאַפט או[ן]
„געהעריג אוועקשטעלן די אינסטרוקטאָרישע הילף סיי אויף מידליכן, סיי
אויפן שריפטליכן פאָרם. די אָנגעצייכנטע אַרבעט פאָדערט אַן אָרגאַניזירטע
זעלבסטטעטיקייט פון די ערדאַרבעטער גופא און זייער באַוואוסטזיניגע באַטיי-
„ליגונג צו די אָנגעמערקטע אויפגאַבן. די באַראַטונג האַלט, אַז די פּאַסנ-
דסטע פאָרם פון ווירטשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע פאַר די ייִדישע ערדאַרבעטער
„איז די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַציע, דורך וועלכע דאַרף דורכגע-
„פירט ווערן די אַגראָנאָמישע הילף, ווי אויך דאָס אַרויסגעבן פון די נוי-
„טיגע הלוואות. די געזעלשאַפט „אָרט" דאַרף נעמען אויף זיך די איניצי-
„אַטיוו צו אָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַציע אויף די ער-
„טער, וואו סזיינען פאַראַן די פּאַסנדע באַדינגונגען, און אין נויטיגן
„מאָמענט זען צו שאַפן די קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניגונג פון די אָרטיגע
לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוון.

„גלייכצייטיג האַלט די באַראַטונג, אַז אַלע רעשטן פון די פריערדיגע קרע-
„דיטן, וואָס זיינען געווען באַשטימט אויף לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעט,
„דאַרפן אויסגענוצט ווערן אויף אַגראָנאָמישע הילף, און סמוז אויך גע-
„שאַפן ווערן נייע און גרעסערע קרעדיטן פאַר די ייִדישע ערדאַרבעטער, וועלכ[ע]
„זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די נייע באַדערפנישן פון דער ייִדישער לאַנדווירט-
„שאַפט".

נאָכדעם טרעט די באַראַטונג צו צו באַטראַכטן געגוי דעם פּלאַן פון אונזער ווייטערדיגער טעטיקייט אויף איינצעלנע געביטן.

א. סעדערײַ-פּלאַנצונגען. נייע. 1. „דורכפירן גלייך די פאַרבערייטונגס-אַרבעט
„אויף צו פאַריכטן די אַלטע סעדער און אויף צו פאַרפלאַנצן אין פרי-
„ליגנג אומגעפער 5000 פרוכט-ביימער (2000 אין וואָלין, 2000 אין גראָד-
„נער געגנט און 1000 אין ווילנער).

2. גלייך נאָכן פאַרענדיגן די דאָזיגע אַרבעט אויסנוצן דעם אַפּאַראַט אויף
„דער אַקציע פון פאַריכטן די אַלטע סעדער; די אַרבעט פירן אין משך פון
„ווינטער, אויף וויפיל די קלימאַטישע באַדינגונגען וועלן ערלויבן. אָנ-
„פאַנגען די אַרבעט פון ווילנער געגנט, נאָכהער גראָדנער.

3. די באַדינגונגען ביי פאַריכטן די סעדער: די לאַנדווירטן דאַרפן דעקן
„די פאַרבונדענע מיט דעם הוצאות, אין וועלכע עס גייען נים אַריין דער
„געהאַלט דעם הויפּט-אינסטרוקטאָר און זיינע רייזע-הוצאות. אין אויסנאַמס-
„פאַלן קען געגעבן ווערן אַ קרעדיט אין דער גרויס פון 50-75% פון דער
„באַטרעפנדער סומע. ביי פלאַנצן סעדער ווערט אַרויסגעגעבן אַ קרעדיט